**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**אויף נאציאנאנאלע טאג פון די פערד, טוט גאווערנער האקול אונטערשרייבן לעגיסלאציע צו פארמיידן פערדן ברוטאליטעט**

***לעגיסלאציע S.2163B/A.5109A פארבאט די שעכטן פון פערד צום עסן***

***לעסיגלאציע S.1677A/A.3552A טוט העכערן שטראף געלטער פארן פארקויפן באגרעניצטע פערד***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו פארמיידן פערד ברוטאליטעט צו אנערקענען נאציאנאלע טאג פון די פערד. לעגיסלאציע S.2163B/A.5109A פארבאט די שעכטן פון פערד פאר מענטשן אדער חיות צום עסן. לעסיגלאציע S.1677A/A.3552A טוט העכערן שטראף געלטער פארן פארקויפן באגרעניצטע פערד.

"נאנט צו 20 יאר צוריק, האט די אמעריקאנע רעגירונג דעקלערט דעצעמבער 13 צו זיין די נאציאנאלע טאג פון די פערד," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דא אין ניו יארק, טוען מיר צייכענען די געלעגנהייט דורך אונטערשרייבן נייע געזעצן צו אדרעסירן באשעפעניש ברוטאליטעט און די מיסבאהאנדלונג פון פערד אין אונזער סטעיט."

לעגיסלאציע S.2163B/A.5109A פארבאט די שעכטן פון פערד פאר מענטשן אדער חיות צום עסן דורך אינדיווידואלן אדער פירמעס."

**סטעיט סענעטאר דזשאסעף פ. אדאבא האט געזאגט,** "היינט, בשעת מיר פייערן נאמיאנאלע פערד טאג, איז עס א געלעגנהייט צו רעפלעקטירן אויף די באדייטנדע עקאנאמישע, היסטארישע, און קולטורעלע ווירקונג וואס פערד האבן געהאט אויף אונזער געזעלשאפט. אין עהרע פון די ספעציעלע טאג, בין איך דאנקבאר אז גאווערנער האקול וועט אונטערשרייבן צוויי בילס געצילט צו באשיצן די הערליכע באשעפענישן פון ברוטאליטעט. די ערשטע ביל, S.1677A, טוט אויסברייטערן די שטראף געלטער מיט פאסיגע שטראפונגען פאר די פארקויפן פון באגרעניצטע פערד ביי אויספארקויפונגען און פארברייטערט די באשיצונגען צו מיולטירן און אייזלען. די צווייטע ביל, S.2163B פארבאט די שעכטן פון פערד פאר מענטשן אדער חיות צום עסן. די באשעפענישן, אנערקענט פאר זייערע ביישטייערונגען צו ארבעט, אגריקולטור, פארוויילונג, טראנספארטאציע, און פארשידענע אנדערע באנוץ, פארדינט צו ווערן באהאנדלט מיט די בעסטע באהאנדלונג, און איך באטייליג זיך מיט גאווערנער האקול אין אדרעסירן די געברויך פאר פערד באשיצונגען און די וויכטיגקייט פון די צוועק, וואס נעמט אריין די ענדע פון פערד שעכטן און די פארמיידונג פון באשעפענישן ברוטאליטעט."

**אסעמבלימעמבער דבורה דזש. גליק האט געזאגט,** "איך בין זייער דאנקבאר אז גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן מיין ביל פארבאטנדיג דאס פארקויפן, קויפן אדער טראנספארט פון פערד פאר די

ציל פון שעכטן אדער מענטשליכע שפייז. האבנדיג געארבעט פאר 19 יאר אויף די לאגיסלאציע צו ווערן געזעץ, איז היינט א גרויסע טאג פאר ניו יארק סטעיט און פאר די פערד וואס פארדינען בעסער ווי די גורל וואס אזויפיל האבן געזען אין די פארגאנגענהייט. איך וויל דאנקען גאווערנער האקול פאר איר שטיצע פון די קריטישע מענטשליכע לעגיסלאציע."

לעגיסלאציע S.1667A/A.3552A טוט טוישן געלט שטראפן פארן פארקויפן באגרעניצטע פערד ביי אויספארקויפונגען. די לעגיסלאציע טוט אויך אויסברייטערן די געזעץ צו באשיצן מיולטירן און אייזלען. די יעצטיגע געלט שטראף פארן פאקויפן די באשעפענישן איז נאר $5 און איז נישט געווארן געטוישט זינט 1965.

**אסעמבלימעמבער דזש. גערי פרעטלאו האט געזאגט,** "אויף נאציאנאלע פערד טאג, וויל איך דאנקען גאווערנער האקול פארן אונטערשרייבן אונזער ביל צו פארשטייפן שטראפן און הערכן געלט שטראפונגען פארן פארקויפן באגרעניצטע פערד. יעדע יאר, ווערן טויזנטער פערד אויספארקויפונגען אפגעהאלטן אין די פאראייניגטע שטאטן, צוציענדיג פארמער, רענטשער, פארוויילונג-פערד אייגנטומער, רייטונג אנפירער און ליידער - שעכטן קויפער. די יעצטיגע פארלעצונג פאר קויפער צו אקצעפטירן געפייניגטע אדער פארנאכלעסיגטע פערד איז נישט געווארן געהעכערט זינט 1965 און דעריבער שטייט די שטארף ביי נאר $5. אזא קליינע סומע טוט נישט סערווירן אלס אפהאלטונג צו אפלאדן קראנקע אדער פארוואונדעטע באשעפענישן. מיר האבן געדארפט טוהן בעסער!"

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418



שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן